ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ ראֹשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## קֹרַח (בארה"י חֻקַּת)

תשפ"ג

304

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


זֶענֶען הַיינְט דָא שֵׁדִים?..........................................א
ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מְחַנֵךְ זַיין מַיין וַוייבְּ'ס קִינְדֶער?..........................ב
נֶעמֶען אַ קִינְד קַיין אוּמַאן פַאר דִי זִיבְּן יָאר, אִין דֶעם מַצָב מִלְחָמָה?..............ד


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


אִיךְ וֶועל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין גַן עֵדֶן..........................................א
שְׁטָאלְצִירְט מִיט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אֲפִילוּ זֵיי גֶעהֶערְן נִישְׁט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ ......ג
אַ יוּנְגֶער בָּחוּר מִיט אַזוֹיפִיל שֵׂכֶל ..........................................ד
פַארְוָואס טְרַאכְסְטוּ אַז קֵיינֶער אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין דִיר? ......................ד
אַיינְשְׁרַייבְּן דִי מִשְׁפָּחוֹת פוּן שְׁטֶעטְל פַאר דִי שְׁטִימֶען..........................ה
אִיךְ בְּלַייבּ בַּיים רֶבִּי'ן, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין ..........................ו
אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַ סְכוּם צוּזַאמְצוּשְׁטֶעלְן פַארְ'ן קָאמְפֵּיין..........................ז
וַוארְטְס נִישְׁט אַייעֶר מַאן זָאל אַייךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן..........................ח
זִיךְ חַבֶרְ'ן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֶענֶען נִישְׁט קַיין לֵצִים..........................ט
נֶעם נִישְׁט אַ רְפוּאָה וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט בַּאשְׁטֶעטִיגְט ..........................י
מַאךְ נִישְׁט מְשׁוּגָע דַיין וַוייבּ צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן פְּרָאסְט .......................יא
גֵיין אָנְגֶעטוּן פְּרָאסְט אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שַׁיין, עֶס אִיז עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה......יב
מִיט חָכְמָה מַאכְן שָׁלוֹם מִיט דִי שְׁכֵנִים קִינְדֶער ..........................יג
אוֹיבּ אִיז מֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, וָואס הָאט מֶען פוּן דִי לֶעבְּן?..........................יד
הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר אַייזֶערְנֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעפַאלְן ........... טו

נֶעם נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ קַיין צַייטוּנְגֶען ........ טז

דָאקְטֶער לֶערְנֶער לָאזְט נִישְׁט אַרְבֶּעטְן נָאךְ פִינְף אַזֵייגֶער ........ יז

בִּיסְט נִישְׁט גֶערֶעכְט מִיט דִי וֶועג פוּן פְּרִישׁוּת ........ יז

אִיךְ דַאנְק דִיךְ זֵייעֶר פַארְן הֶעלְפְן דִי קְהִילָה מִיטְ'ן יֶערְלִיכְן קָאמְפֵּיין ........ יח

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער, אִיךְ הָאבּ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת ... יט

מֶען דַארְף הַאקְן אוּן הַאקְן, בִּיז מֶען אִיז מַצְלִיחַ ........ יט

וֶוען דוּ הָאסְט אַפָּאר מִינוּט, זָאלְסְטוּ גוֹרֵס זַיין מִשְׁנַיוֹת ........ כ

אַז עֶס אִיז אַרַיינְגֶעבַּאקְן אֱמוּנָה, קֶען מֶען אַלֶעס דֶערְהֵייבְּן ........ כא

נָאךְ הִתְבּוֹדְדוּת אָנְהוֹיבּ טָאג, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַן אַנְדֶערֶע טָאג ........ כא

מִיט חָכְמוֹת אוּן לֵיצָנוּת פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס ........ כב

אִיךְ וֶועל טוּן וָואס אִיז מֶעגְלִיךְ אַז דוּ זָאלְסְט צוּרִיק וֶוערְן פְרֵיילִיךְ ........ כג

הֶעלְף דַיין וַוייבּ מִיטְן מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער ........ כג

זַיי שְׁטָאלְץ מִיט דַיין צֶלֶם אֱלֹקִים, מִיט דַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת ........ כד

בַּיי קִבְרֵי צַדִיקִים, נֶעמְט מֶען מֶער אָן דִי תְּפִילוֹת ........ כד

זַיי שְׁטַארְק מִיט דִי צְוֵויי זַאכְן, חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן מִקְוֶה יֶעדְן טָאג ........ כה

אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיי, פְרֵיי פוּן אַלֶע פַארְמַאכְטְקֵייטְן ........ כו

הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט דֶער אָדֶער יֶענֶער, נָאר דִי שֵׂכֶל פוּן מוֹהֲרָא"שׁ ........ כח

אַ בָּחוּר וָואס ווִיל נִישְׁט פָאלְגְן, דַארְף אִיךְ אַוֶועקְשִׁיקְן ........ ל

דִי חֲשָׁדוֹת וָואס דוּ טְרַאכְסְט אוֹיף דַיין וַוייבּ, אִיז נֶעבֶּעךְ אַ נֶערְוְון זַאךְ ........ ל

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## זֶענֶען הַיינְט דָא שֵׁדִים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר צוּפְרִידְן דָא אִין דִי בֵּית פֵיגָא שׁוּלֶע. הַיינְט בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט ווייל בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט הֶעלְפְן מַיין מַאמֶע אִינְדֶערְהֵיים, שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז הַיינְט בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה, מַיין מוּמֶע אִיז גֶעוֶוען אִין אַ בֵּית הַקְּבָרוֹת אִין אַמֶערִיקֶע, אוּן זִי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט אַז זִי הָאט גֶעהֶערְט אַ שְׁטַארְקֶע גֶעלֶעכְטֶער, זִי הָאט אוֹיסְגֶעדְרֵייט דִי פְלֶעשְׁלַייט צוּ דִי קוֹל אוּן עֶס הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט, וֶוען זִי הָאט עֶס צוּרִיק אַוֶועק גֶעדְרֵייט הָאט זִי עֶס ווייטֶער גֶעהֶערְט.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט וִויסְן אוֹיבּ דָאס אִיז אֱמֶת, אִיז הַיינְט דָא שֵׁדִים? ווייל מַיין מוּמֶע הָאט עֶס קְלָאר גֶעהֶערְט.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר עֶנְטְפֶערְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דָאס וָואס אַייעֶר מוּמֶע דֶערְצֵיילְט - אִיז דִמְיוֹנוֹת; נִישְׁט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שֵׁדִים, אַוַדַאי אִיז דָא שֵׁדִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת

אוֹת קְלִיפָּה חֵלֶק ב׳, סִימָן א): "יֵשׁ שֵׁדִים שֶׁמְּצוּיִים בַּבָּתִּים, שֶׁהֵם מְקַלְקְלִין הַשְּׁלוֹם בַּיִת", עֶס זֶענֶען פַארְהַאן שֵׁדִים וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ אִין שְׁטוּבֶּער וָואס זֵיי מַאכְן קַאלְיֶע דִי שָׁלוֹם בַּיִת, "וְעַל יְדֵי זֶה כַּעַס וּקְטָטוֹת בַּבַּיִת", אוּן דוּרְךְ זֵיי קוּמְט כַּעַס אוּן קְרִיגֶערֵייעֶן.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, דָאס וָואס מֶען זֶעט עֶס כַאפְּט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ אַ שְׁלֶעכְטֶע גוּסְטֶע; מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערפְרִי אִין אַ גוּטֶע גוּסְטֶע אוּן פְּלוּצְלוּנְג וֶוערְט מֶען גֶערֶעגְט פַאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט - דָאס קוּמְט פוּן דִי שֵׁדִים וָואס מַאכְן בִּיטֶער דָאס לֶעבְן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יב, ג) עֶס אִיז דָא אַ שֵׁד מִיטְן נָאמֶען קֶטֶב מְרִירִי, וָואס דֶערְבִּיטֶערְט דָאס לֶעבְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

דִי עֵצָה צוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דִי שֵׁדִים - אִיז דוּרְךְ שִׂמְחָה; וֶוען מֶען פְרֵייט זִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פְרֵייט זִיךְ 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי', מֶען פְרֵייט זִיךְ מִיט דִי תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת - אַנְטְלוֹיפְן זֵיי אוּן זֵיי וֶוערְן אוֹיס; וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען מֶען חַזֶר'ט אֱמוּנָה, מֶען וֵוייסְט 'אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ' - דַאן הָאבְן זֵיי נִישְׁט קַיין שְׁלִיטָה.

מַאכְט זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן פוּן דִי וָואס רֶעדְן דִמְיוֹנוֹת, וֶוערְט נִישְׁט פַארְקוֹיפְט פַאר יֶעדְן נַאר, לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, בִּפְרַט דִי בְּרִיווּ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ; וָואס אִיז מְגַלֶּה דִי אֱמוּנָה מִיט אַזַא שְׁטַארְקֵייט - וֶועט אִיר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מְחַנֵּךְ זַיין מַיין וַוייבְּ'ס קִינְדֶער?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען בָּרוּךְ הַשֵּׁם צוּ חֲתוּנָה הָאבְן בְּזִווּג שֵׁנִי, אוּן אִיךְ דַאנְק יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם.

מַיין ווייב הָאט בָּרוּךְ הַשֵּׁם טייעֶרע גוּטֶע מֵיידלֶעךְ, אוּן זֵיי וואוֹינֶען בַּיי אוּנְז, דִי מִשְׁפָּחוֹת לֶעבְּן זִיךְ אַריין צוּבִּיסְלֶעךְ אִינְאֵיינֶעם בָּרוּךְ הַשֵּׁם, כָאטְשׁ וָואס עֶס מַאכְט זִיךְ אוֹיךְ צוּמָאל שְׁוֶועריקֵייטְן אָבֶּער מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף וֶוערְן זַאכְן אוֹיסְגֶעגְלִיכְן אוּן גְרִינְגֶער, דִי קִינְדֶער גֶעוואוֹינֶען זִיךְ צוּ צוּ דִי נַייעֶ שְׁטוּב אוּן הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם הֲנָאָה.

אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס שְׁטֶערְן מִיר אִיז אַז דִי טֶעכְטֶער פוּן מַיין ווייב קֶענֶען זִיךְ צוּמָאל גָאר שְׁטַארְק זִיךְ פִירְן מִיט חוּצְפָּה קֶעגְן זֵייעֶר מַאמֶע, צוּמָאל רֶעדְן זֵיי צוּ אִיר וִוי זִי וָואלְט גֶעוֶוען זֵייעֶר דִינְסְט, זֵיי עֶנְטְפֶערְן אִיר מִיט חוּצְפָּה אוּן עַזּוּת אוּן זֶענֶען זֵייעֶר מְזַלְזֵל אִין אִיר. מַיין ווייב אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר אַ וֵוייכֶע מִיט אַ גוּט הארץ, אוּן זִי שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט מִיט אַ שְׁטַארְקְקֵייט אוֹיף דֶעם אַז מֶען דַארְף הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר אַ מַאמֶע.

אִיךְ בִּין טַאקֶע נִישְׁט זֵייעֶר טַאטֶע, אָבֶּער עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז זֵיי פִירְן זִיךְ אַזוֹי צוּ מַיין ווייב, אוּן עֶס אִיז מִיר אוֹיךְ זֵייעֶר וויכְטִיג אַז אִין מַיין שְׁטוּב זָאלְן דִי קִינְדֶער זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן מִיט כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אוּן אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ מוֹרָא אַז דָאס קֶען מַשְׁפִּיעַ זַיין צוּם שְׁלֶעכְטְן אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער, אוּן אוֹיף דִי קִינְדֶער וָואס מִיר וֶועלְן הָאבְּן אִינְאֵיינֶעם בְּעֶזְרַ הַשֵּׁם.

דִי שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ אִיךְ מֶעג זֵיי מְחַנֵּךְ זַיי, זֵיי זָאגְן עֶפֶּעס אִיבֶּער זֵייעֶר אוֹיפְפִירוּנְג. אוּן אוֹיבּ יָא, וִוי אַזוֹי?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען עֶס אִיז רוּאִיג אוּן עֶס אִיז דָא אַ גֶעשְׁמַאקֶע אַטְמָאסְפֶער - זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט זֵיי פוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט אוּן גְרוֹיסְקֵייט פוּן מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע; דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אוּן זָאלְסְט זֵיי פַארְשְׁטֵיין גֶעבְּן וָואס אִיז דָאס טַאטֶע מַאמֶע.

גֶעבּ אַכְטוּנְג וִוי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט מִיט זֵיי, שְׁטִיף קִינְדֶער אִיז אַן עִנְיָן אַחֵר לְגַמְרֵי; אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט נָאכְאַמָאל בְּזִוּוּג שֵׁנִי אוּן עֶס אִיז דָא אִירֶע קִינְדֶער אוּן דַיינֶע קִינְדֶער - דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פָארְזִיכְטִיג, מֶען דַארְף

אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט אוּן וִוי אַזוֹי מֶען זָאגְט - אַז עֶס זָאל נִישְׁט אָפְּקִילְן דָאס לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ. מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דֶעם, וַוייל מִיט אֵיין וָוארְט, מִיט אֵיין שְׁלֶעכְט וָוארְט פַאר יֶענֶעמְ׳ס אַ קִינְד - קֶען דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב צֶעפַאלְן.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט לִיבּ הָאבְּן אִירֶע קִינְדֶער אַזוֹי וִוי דַיינֶע, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ זֵיי קֶענֶען שֵׁיין עֶרְצִיעֶן. מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם גְרוֹיסְן צַדִּיק דֶער אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעצוֹיגְן קַיין מַארְמַאראָשׁ, דָארְט זֶענֶען גֶעוֶוען אִידְן וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט מִיט דִי תּוֹרָה, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה. מֶען הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט ׳וִוי אַזוֹי וֶועט דֶער אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל קֶענֶען פוֹעֶלְ׳ן בַּיי דִי מַארְמַאראָשֶׁע אִידְן זֵיי זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין?׳ הָאט דֶער אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל גֶעזָאגְט: ״אִיךְ וֶועל זֵיי אַזוֹי לִיבּ הָאבְּן, בִּיז זֵיי וֶועלְן מִיךְ אוֹיסְהֶערְן אוּן זִיךְ פִירְן אוֹיף דִי תּוֹרָה וֶועג״; וַוייל וֶוען מֶען זָאגְט פַאר אַ צְוֶוייטְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אוֹיבּ הָאט מֶען יֶענֶעם זֵייעֶר לִיבּ - וֶועט יֶענֶער דָאס אָנְנֶעמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**נֶעמֶען אַ קִינְד קַיין אוּמַאן פַאר דִי זִיבְּן יָאר, אִין דֶעם מַצָּב מִלְחָמָה?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּט אוּנְז, יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אַזוֹי וִוי מַיין זוּן וֶוערְט דֶעם קוּמֶענְדִיגְן חוֹדֶשׁ אֱלוּל זִיבְּן יָאר, ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ מֶעג יֶעצְט פָארְן צוּם רֶבִּינְ׳ס צִיוּן אִים נֶעמֶען קַיין אוּמַאן פַאר דִי זִיבְּן יָאר, אָדֶער עֶס אִיז צוּ אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט צוּלִיב דִי מִלְחָמָה דָארְט?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אַזוֹי ווי דִי מַצָּב הַמִּלְחָמָה אִיז יֶעצְט - אִיז נִישְׁט קֵיין סַכָּנָה צוּ פָּארְן קַיין אוּמַאן. מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף אוּן מִיט אַסַאךְ תְּפִילוֹת - וֶועלְן מִיר פָּארְן דִי יָאר הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה, אוֹיךְ נֶעמֶען מִיר דִי קִינְדֶער; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָּארְן גֶעזוּנְט, צוּרִיק קוּמֶען גֶעזוּנְט אוּן פּוֹעֵלְ׳ן יְשׁוּעוֹת.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ בְּרֶענְגֶען קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי׳ן אַ קִינְד פַאר דִי זִיבְּן וְכוּ׳; דֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַז אַ קִינְד וָואס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים פַאר דִי זִיבְּן יָאר - וֶועט גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה מִיט אַ רֵיינֶע הֶעמְד (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תקיז).

עֶלְטֶערְן וָואס הֶערְן דִי וֶוערְטֶער פוּן אַ צַדִיק - וֶועלְן אַלֶעס טוּן אַז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דִי זִין - זָאלְן קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אֵיידֶער דִי זִיבְּן יָאר, פַאר אַזַא הַבְטָחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## אִיךְ וֶועל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין גַן עֵדֶן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳, ט׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

צוּ מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן זַיין אַ מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, אוּן קוּק נִישְׁט אוֹיף אַלֶע חֲלִישׁוּת הַדַעַת אוּן אַלֶע בִּלְבּוּלִים וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר. אוֹיף מִיר גֵייט אוֹיךְ אַרִיבֶּער וְכוּ׳ וְכוּ׳; וֶוער עֶס טוּט גוּטֶע זַאכְן, בִּפְרַט וֶוער עֶס אִיז עוֹסֵק בְּתִקּוּן הָעוֹלָם - גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, ווארויל אִיז דֶעם וָואס בְּלַייבְּט שְׁטַארְק אוּן שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ פַאר קֵיינֶעם.

דָא הָאסְטוּ אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב, וָואס הָאט אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן - וֶוען מֶען הָאט אִים מְגַלֶּה גֶעוֶוען פוּן הִימְל אַז עֶר הָאט פַארְלוֹירְן זַיין עוֹלָם הַבָּא: ״וֶועל אִיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין גַן עֵדֶן!״ דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן מח): ״יִהְיֶה מְרֻצֶּה לַעֲשׂוֹת מַה שֶּׁיּוּכַל בַּעֲבוֹדַת ה׳ בְּלֹא עוֹלָם הַבָּא״, נָאר אַז מֶען אִיז גְרֵייט אוֹיף דֶעם, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין שׁוּם שְׂכַר - נָאר אַזוֹי קֶען מֶען בְּלַייבְּן שְׁטַארְק וֶוען עֶס קוּמֶען שְׁוֶוערֶע בִּלְבּוּלִים.

בֶּעת דֶעם מֶעלֶער זָאל מָאלְן אַ שֵׁיינֶע טִישׁ, אוֹיבְן אָן זִיצְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן פוּן דֶער זַייט אָדְל, אָדְל זָאל עֶר מָאלְן מִיט אַ שֵׁיינֶע גֶעבִּינְדֶענֶע טִיכְל אוּן מִיט אַ שֵׁיינֶע פֶּערְל קֵייטְל. פוּן דֶער זַייט אַ פָּאר-פָּאלְק, אוּן דִי הֶענְט פוּן

בַּעַל שֵׁם טוֹב אִין דִי הֵייעֶךְ, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ גוּט פַארְקוּקְן אִינֶעם בִּילְד וְוען דִי עֶלְטֶערְן דֶערְצֵיילְן זֵיי דִי מַעֲשֶׂה:

אָדְל דִי צַדֶּקֶת גְרֵייט אָן דֶעם שֵׁיינֶעם סֵדֶר נַאכְט פַאר אִיר טַאטֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זִי דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס הָאט פַּאסִירְט, ווִי פוּן הִימְל זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען דִי פָּאר-פָּאלְק פוּן דֵייטְשְׁלַאנְד מִיט אַלֶע עֶסְן פַאר יוֹם טוֹב פֶּסַח.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אִין שׁוּל, עֶר טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָארְגְט גָארְנִישְׁט פוּן וואוּ עֶר וֶועט הָאבְּן מַצּוֹת אוּן עֶסְן פַארְן סֵדֶר נַאכְט, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן. דֶער צַדִּיק גֵייט אִין מִקְוֶה זִיךְ טוֹבֵל'ן לְכָבוֹד יוֹם טוֹב, עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ אַוֶועק דַאוֶונֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע בֶּענְקֶעניש צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִינְגְט עֶר הַלֵּל.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב קוּמְט אָן צוּם הֶקְדֵּשׁ, דִי שְׁטוּב וואוּ עֶר הַאלְט זִיךְ אוֹיף אִין אִיסְטַאנְבּוּל. מֶען הוֹיבְּט אָן דֶעם סֵדֶר, אָדְל מִיט רֶבִּי צְבִי זִיצְן בַּיים סֵדֶר אִינְאֵיינֶעם מִיטְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוֹיךְ הָאט אָדְל אַייְנְגֶעלַאדְנְט דִי פָּאר-פָּאלְק זָאלְן זַיין בַּיים סֵדֶר.

בַּיי שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ שְׁמֵייכְלְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב צוּ זַיין טָאכְטֶער אוּן פְרֶעגְט: "טָאכְטֶער לֶעבְּן, וֶוער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דִי מַצּוֹת, ווַיין, מִיט אַלֶע גוּטֶע עֶסְן?" אָדְל זָאגְט: "טַאטֶע, דִי פָּאר-פָּאלְק, זֵיי הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט אוּן צוּגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם גַאנְצֶע סֵדֶר, זֵיי ווִילְן דוּ זָאלְסְט זֵיי בֶּענְטְשְׁן מִיט אַ קִינְד, שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין קִינְדֶער", זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: "אִיךְ זָאג צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג, בִּיז אַ יָאר וֶועט אִיר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ קִינְד".

עֶפֶּעס אִיז גֶעשֶׁען מִיטְן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, עֶפֶּעס שְׁלֶעכְט; דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק אִיז פְּלוּצְלוּנְג גֶעוָוארְן וֵוייס ווִי קַאלֶעךְ, עֶר זֶעט אוֹיס זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן. מֶען הָאט אִים יֶעצְט מוֹדִיעַ גֶעוֶוען פוּן הִימְל אַז עֶר הָאט פַארְלוֹירְן זַיין גַאנְצֶע עוֹלָם הַבָּא, זַיין גַאנְצֶע גַן עֵדֶן. ווַייל עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְזֵירָה אַז דִי פָּאר-פָּאלְק וֶועט קַיין קִינְדֶער נִישְׁט הָאבְּן, אוּן אַז דֶער צַדִּיק הָאט

צוּגֶעזָאגְט פַאר די פָּארְפָּאלְק אַ קִינְד - וֶועט מֶען מוּזְן גֶעבְּן אַ קִינְד, וַוייל אַ צַדִּיק קֶען מְבַטֵּל זַיין די גְזֵירוֹת; דָאס אִיז די סִיבָּה פַארְוָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַזוֹי בְּלַאס, מֶען הָאט אִים צוּגֶענוּמֶען זַיין גַּן עֵדֶן.

"וֶועל אִיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין גַּן עֵדֶן!" שְׁרֵייט אוֹיס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, "אִיךְ בְּלַייב דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעטְרֵיי, אִיךְ וֶועל וַוייטֶער לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אָן קַיין אָפְּשְׁטֶעל".

טַייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן די מַעֲשֶׂה ווי אַזוֹי מֶען דַארְף זַיין גֶעטְרֵיי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אֲפִילוּ מֶען הֶערְט אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל אַז מֶען וֶועט נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גַּן עֵדֶן - זָאל מֶען וַוייטֶער בְּלַייבְּן גֶעטְרֵיי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים וַוייטֶער דִינֶען.

אַלֶע קִינְדֶער, לָאמִיר זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם: "אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעם נָאר דִיר בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיינְס, נִישְׁט די וֶועלְט אוּן נִישְׁט יֶענֶע וֶועלְט, נָאר דִיר בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיינְס".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### שְׁטָאלְצִירְט מִיט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אֲפִילוּ זֵיי גֶעהֶערְן נִישְׁט אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר הָאט זֵייעֶר טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אַייעֶר טַאטֶע אִיז אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד הַשֵּׁם, אוּן אַייעֶר מַאמֶע אִיז אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, פוּן די נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת אִין אוּנְזֶער דוֹר. שְׁטָאלְצִירְט מִיט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אֲפִילוּ זֵיי גֶעהֶערְן נִישְׁט אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פַאר אַזֶעלְכֶע עֶלְטֶערְן אוּן זַייט בֵּיידֶע מְכַבֵּד מִיט גְרוֹיס פְרֵייד.

בְּנוֹגֵעַ אַ שִׁידוּךְ וְכוּ'; בֶּעטְס פַאר אַ גוּטְן מַאן, אַ מַאן אַ יְרֵא שָׁמַיִם מִיט

הֵיילִיגֶע דוֹרוֹת, בֶּעטְס נִשְׁט אוֹיף אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה, בֶּעטְס פַאר הַשְׁרָאַת הַשְׁכִינָה, אַז בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ זָאל רוּעֶן דִי שְׁכִינָה, בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ זָאל מֶען לֶעבְּן מִיט שָׁלוֹם אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט.

הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז עֵצוֹת, שֵׂכֶל אוּן חִיזוּק וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גָארְנִישְׁט מֶער אוּן גָארְנִישְׁט וֶוייניִגֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ יוּנְגֶער בָּחוּר מִיט אַזוֹיפִיל שֵׂכֶל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הָאסְט מִיר אַזוֹי מְחַיֶ׳ גֶעוֶוען מִיט דַיין בְּרִיוו, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי הַנָאָה צוּ הֶערְן פוּן אַ יוּנְגֶער בָּחוּר מִיט אַזוֹיפִיל שֵׂכֶל; דוּ לֶערְנְסְט ח״י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת יֶעדְן טָאג אוּן דוּ הָאסְט יֶעצְט מְסַיֵים גֶעוֶוען דִי אֵיין אוּן צְוָואנְצִיגְסְטֶע מָאל שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה. אוֹיךְ מִיט דֶעם וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ גֵייסְט יֶעדְן טָאג שְׁפַּאצִירְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ שְׁמוּעֶסְט אוֹיס דַיין הַארְץ מִיט אִים.

גֵיי אָן מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵׁם, דוּ וֶועסְט אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס טְרַאכְסְטוּ אַז קֵיינֶער אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין דִיר?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זָאגְן קֵיינֶער דַארְף דִיךְ נִישְׁט, קֵיינֶער טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דִיר אוּן קֵיינֶער אִינְטֶערֶעסִירְט זִיךְ נִישְׁט אִין דִיר? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז

בַּיי דִיר, מִיט דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס פַאר דִיר.

וֶוער אָטֶעמְט אִין דִיר? וֶוער זֶעט אִין דִיר? וֶוער הֶערְט אוּן רֶעדְט אִין דִיר? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער! פוּן דֶעם אַלֵיינְס דַארְפְסְטוּ וֶוערְן מְשׁוּנָה פְרֵיילִיךְ.

אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶה אִין יְשִׁיבָה דֶעם זְמַן, מִיר הָאבְּן גָאר טֵייעֶרֶע בָּחוּרִים, עֶס זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן נָאר בָּחוּרִים וָואס ווִילְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, מִיר רֶעדְן אִין יְשִׁיבָה נָאר פוּן רֶבִּי'ן. נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע שִׁיעוּר, מֶען הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן אֱמוּנָה, פוּן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לג): "אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן, וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקֵייט, אָבֶער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה, "וְעִקַּר הָאֱמוּנָה הִיא בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת וַחֲקִירוֹת כְּלָל, רַק בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר כְּמוֹ שֶׁהַנָּשִׁים וְהֶהָמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים מַאֲמִינִים", אָן קַיין חֲקִירוֹת אוּן אָן קַיין חָכְמוֹת, נָאר אַזוֹי ווִי פְּרוֹיעֶן אוּן פְּשׁוּטֵי עַם וָואס גְלֵייבְּן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי אַ שְׁפַּאצִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶס וֶועט דִיר גוּט וֶוערְן, וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט אַלֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַיינְשְׁרַייבְּן דִי מִשְׁפָּחוֹת פוּן שְׁטֶעטְל פַאר דִי שְׁטִימֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

פַארְיָאר הָאסְטוּ זֵייעֶר גֶעהָאלְפְן מִיטְן אַיינְשְׁרַייבְּן אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת פוּן שְׁטֶעטְל אוּן פוּן אַרוּם דִי שְׁטֶעטְל - פַאר דִי שְׁטִימֶען; אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ דוּ בִּיסְט נָאכְאַלְץ דֶערְבֵּיי צוּ הֶעלְפְן - אָדֶער נִישְׁט, ווַייל ווִי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי פוּן הָאבְּרֶךְ ... נֵרוֹ יָאִיר וֶוערְן זַאכְן נִישְׁט גֶעטוּן, יֶעדֶע מָאל מִיט אַנְדֶערֶע תֵּירוּצִים.

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט דָאס ווַייטֶער טוּן, אוּן אִיךְ וֶועל

נִישְׁט זַיין בֵּייז אוֹיבּ נִישְׁט. עֶס אִיז דָא נָאךְ גֶעטְרֵייעֶ אִינְגֶעלַייט וָואס וִוילְן הֶעלְפְן אוֹיפְבּוֹיעֶן קְהִלַּת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; בִּיטֶע לָאז מִיר וִויסְן.

ווארויל אִיז דֶעם וָואס אִיז מְשַׁמֵּשׁ דֶעם רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן פו): "בָּעוֹלָם הַזֶּה כָּל הָרוֹצֶה לְקָרֵב אֶת עַצְמוֹ מְקָרֵב, אֲבָל בָּעוֹלָם הַבָּא אֵין מְקָרְבִין אֶלָּא הַמְקֹרָבִין מִכְּבָר".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ בְּלַייבּ בַּיים רֶבִּי'ן, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בְּלַייבּ בַּיים רֶבִּי'ן, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, אוּן אַז דוּ ווִילְסְט אוֹיךְ בְּלַייבְּן - אִיז גוּט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, אַ קֶענִיג אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין וַואלְד פַאנְגֶען חַיּוֹת מִיט זַיינֶע מִינִיסְטָארְן, דֶער קֶענִיג הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְלוֹיפְן אַ הֶערְשׁ, עֶר הָאט נָאר גֶעוָואלְט כַאפְּן דֶעם הֶערְשׁ. פְּלוּצְלוּנְג הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גִיסְן אַ רֶעגְן, דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיטְן קֶענִיג הָאבְּן גֶעוָואלְט אַהֵיימְגֵיין, הָאט דֶער קֶענִיג גֶעזָאגְט: "אִיךְ מוּז כַאפְּן דֶעם הֶערְשׁ, אוּן אַז עֶנְק ווִילְן אַהֵיימְגֵיין - זָאלְן עֶנְק גֵיין", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "אִיךְ מוּז כַאפְּן דֶעם הֶערְשׁ, וֶוער עֶס ווִיל - קֶען צוּרִיקְגֵיין".

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דֶער הֶערְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי ווִיל כַאפְּן אִיז אֱמוּנָה, 'צְבִי' בַּאטְרֶעפְט הוּנְדֶערְט אוּן צְוֵויי, אַזוֹי ווִי 'אֱמוּנָה', דֶער רֶבִּי ווִיל אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַז עֶס זָאל שׁוֹין מְקוּיָּם וֶוערְן "לְתַקֵּן עוֹלָם בְּמַלְכוּת שַׁדַּי"; בֶּעט אִיךְ דִיר אוֹיךְ מַיין טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן לָאמִיר הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן כַאפְּן דֶעם הֶערְשׁ, לָאמִיר פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי אֱמוּנָה פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט בַּאצָאלְן דַיין שְׂכַר לִימּוּד, אִיךְ הָאבּ

אַרָאפְּגֶענוּמֶען פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דִי גְרוֹיסֶע פְּרַייז פוּן קֶעמְפּ, אָבֶער שְׂכַר לִימוּד מוּז מֶען בַּאצָאלְן אָן קַיין שׁוּם תֵּירוּצִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַ סְכוּם צוּזַאמְצוּשְׁטֶעלְן פַארְ'ן קָאמְפֵּיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר מַאכְן אֵיינְמָאל אַ יָאר אַ קָאמְפֵּיין פַאר דִי מוֹסָד, דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר הָאבְּן מִיר דָאס גֶעמַאכְט אִין דִי צַייט אֵיידֶער מֶען פָּארְט אִין קֶעמְפּ, דִי יָאר מַאכְן מִיר אַנְדֶערְשׁ, מִיר וֶועלְן מַאכְן דִי קָאמְפֵּיין פַּרְשַׁת עֵקֶב; פוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת נַחֲמוּ - פַאר אֵיין וָואךְ. ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט זִיךְ אוּנְטֶער נֶעמֶען אַ סְכוּם וִויפִיל גֶעלְט דוּ וֶועסְט צוּזַאמְשְׁטֶעלְן אוּן מִיר שִׁיקְן דֶעם סְכוּם וִויפִיל דוּ נֶעמְסְט זִיךְ אוּנְטֶער.

דִי קָאמְפֵּיין אִיז נִישְׁט קַיין גֶעוֶוועְנְלִיכֶע דִינֶער וָואס מֶען בְּרֶענְגְט אֵייגֶענֶע גֶעלְט, דִי קָאמְפֵּיין אִיז צוּ מְחַזֵק זַיין אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַלֶע וָואס זֶענֶען אַ חֵלֶק פוּן קְהִלַּת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ - זֵיי זָאלְן שַׁאפְן גֶעלְט פוּן חֲבֵרִים, פוּן מִשְׁפָּחָה אוּן פוּן סְתַּם מֶענְטְשְׁן. דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע יָארְן הָאבְּן מִיר שֵׁיין מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, מִיר הָאבְּן גֶעקֶענְט בּוֹיעֶן דִי מוֹסָד אוּן דִי קְהִילָה זִיךְ שֵׁיין אַוֶועק צוּ שְׁטֶעלְן, מִיר הָאבְּן נָאךְ אַסַאךְ וַוייטֶער צוּ גֵיין.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ זָאלְסְט הַאלְטְן אַ פּוּשְׁקֶע פוּן דִי מוֹסָד בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, אִין אָפִיס אוּן אִין קַאר, אוּן וֶוען עֶס וֶוערְט פוּל זָאלְסְטוּ מִיר עֶס בְּרֶענְגֶען, וַוייל נָאר אִינְאֵיינֶעם וֶועלְן מִיר קֶענֶען וַוייטֶער מַצְלִיחַ זַיין.

זַיי שְׁטַארְק מִיט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָה, זַיי זִיךְ מִתְוַודֶה אֵיידֶער דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן - וֶועט מֶען דִיר מוֹחֵל זַיין אַלֶע דַיינֶע עֲבֵירוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וַוארְטְס נִישְׁט אַייעֶר מַאן זָאל אַייךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת אַז אַייעֶר שְׁטוּבּ זָאל נִישְׁט צֶעפַאלְן, אוּן אַז עֶס אִיז אַייךְ בִּיטֶער שְׁוֶוער - זָאלְט אִיר אַרוֹיפְקוּקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן עֶר זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל גְרִינְגֶער וֶוערְן.

וַוארְטְס נִישְׁט אַייעֶר מַאן זָאל אַייךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן וְכוּ׳ וְכוּ׳; אִיר זָאלְט וַוייטֶער זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן וַוייטֶער זַיין גֶעטְרֵיי צוּ אִים אוּן צוּ דִי קִינְדֶער.

עֶס אִיז דָא אַ וָוארְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן: "אַז מֶען וִויל נִישְׁט לַיידְן אַבִּיסְל - לַיידְט מֶען אַסַאךְ"; דִי וָוארְט אִיז אַזוֹי אֱמֶת, אַזוֹי הֵיילִיג; וַוייל יֶעדֶער אֵיינֶער אוֹיף דִי וֶועלְט לַיידְט, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ מֶען זָאל נִישְׁט לַיידְן; נָאר וָואס דֶען, דֶער וָואס לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען עֶס גֵייט אִים עֶפֶּעס אַרִיבֶּער, אַן אִיבֶּערְגֵייאַכְץ - וֵוייסְט עֶר אַז דָאס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אִים גְרִינְגֶער צוּ לַיידְן; אָבֶּער אַז מֶען אַנְטְלוֹיפְט פוּן דִי תּוֹרָה, מֶען אַנְטְלוֹיפְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט שְׁפֶּעטֶער גָאר בִּיטֶער.

וִויפִיל וַוייבְּלֶעךְ גְרוּשׁוֹת זָאגְן קְלָאר, וֶוען מִיר וָואלְטְן גֶעוִויסְט וִוי שְׁוֶוער עֶס וֶועט אוּנְז זַיין - וָואלְטְן מִיר גֶעבְּלִיבְּן לַיידְן דָאס בִּיסְל.

אִיךְ הָאף דִי פָּאר וֶוערְטֶער וֶועט אַייךְ גֶעבְּן חִיזוּק אוּן אִיר וֶועט הַאלְטְן אַייעֶר שְׁטוּבּ שְׁטַארְק, אִיר וֶועט זַיין פוּן דִי נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת וָואס וֶוערְן פַארְשְׁרִיבְּן אִין הִימְל אַז זֵיי הָאבְּן גֶעבּוֹיט זֵייעֶר שְׁטוּבּ מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זִיךְ חַבֶרְ'ן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֶענֶען נִישְׁט קַיין לֵצִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן לֵצִים וָואס שְׁפֶּעטְן אוּן מַאכְן חוֹזֶק פוּן צַדִּיקִים, נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא שֶׁעדְלִיכֶע זַאךְ וִוי חֲבֵרִים - לֵצִים. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יז, יב): "פָּגוֹשׁ דֹּב שַׁכּוּל בְּאִישׁ", עֶס אִיז בֶּעסֶער זִיךְ צוּ בַּאגֶעגֶענֶען מִיט אַ פַארְצִיקָנְדֶער בֶּער, "וְאַל כְּסִיל, בְּאִוַּלְתּוֹ", וִוי צוּ בַּאגֶעגֶענֶען אַ נַאר, אַ לֵץ, וָואס שְׁפֶּעט אוּן מַאכְט חוֹזֶק; וַוייל לֵיצָנוּת אִיז אֲבִי אֲבוֹת הַטּוּמְאָה, נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא טוּמְאָה וָואס פַארְשְׁטֶעלְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וִוי דִי טוּמְאָה פוּן לֵיצָנוּת.

הִיט זִיךְ פוּן לֵצִים אוּן בִּפְרַט פוּן לֵצִים וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ 'בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים וְכוּ'. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא לח:): "הַבָּא לְטַמֵּא פּוֹתְחִין לוֹ", וֶוער עֶס ווִיל אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - הֶעלְפְט מֶען אִים צוּ פוּן הִימְל עֶר זָאל אַוֶועק גֵיין, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ג, לד): "אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ"; זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן, פַארְוָואס הָאט מֶען אָנְגֶעכַאפְּט דַוְקָא דֶעם פָּסוּק "אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ"? זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַז אַ מֶענְטְשׁ ווִיל זִיךְ מְטַמֵּא זַיין בְּרֶענְגְט מֶען אִים אַ לֵץ, וָואס יֶענֶער לַאכְט אָפּ פוּן אַלֶעס וָואס צַדִּיקִים זָאגְן, אַזוֹי פַאלְט עֶר מְמֵילָא אַרָאפּ רַחֲמָנָא לִצְלַן.

**בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹן הָעוֹלָמִים אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ תָּמִים, זִיךְ פִירְן מִיט תְּמִימוּת, נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט קַיין לֵיצָנוּת", אוּן זוּךְ דִיר אוֹיף צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס זֶענֶען נִישְׁט קַיין לֵצִים, אוּן מִיט זֵיי זָאלְסְטוּ זִיךְ חַבֶרְ'ן.**

דֶעם שַׁבָּת וֶועל אִיךְ נִישְׁט זַיין אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**נֶעם נִישְׁט אַ רְפוּאָה וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט בַּאשְׁטֶעטִיגְט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ נִישְׁט פַּאר דַיין וַוייבּ דִי רְפוּאָה וָואס מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס אוֹיף מֶענְטְשְׁן אוּן עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט בַּאשְׁטֶעטִיגְט גֶעוָוארְן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

אִיךְ וֵוייס פוּן אַ רְפוּאָה וָואס קֶען אוֹיסְהֵיילְן, דִי רְפוּאָה אִיז נָאכְנִישְׁט בַּאשְׁטֶעטִיגְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי רֶעגִירוּנְג, אָבֶּער עֶס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶּה; אַז מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען לוֹיבְּט אִים אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט אוּן מֶען בֶּעט אִים - זֶעט מֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין וַוייבּ זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה אוֹיף אִירֶע פִּיס, זִי זָאל זַיין גֶעזוּנְט. הוֹיבּ אָן מִיט דַאנְק וֶוערְטֶער, זָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ דַאנְק דִיךְ, דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט צוּ מִיר, דוּ מַאכְסְט מִיר אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן; אִיךְ בִּין חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיךְ הָאבּ אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער; וִויפִיל אִיךְ וֶועל דִיךְ דַאנְקֶען - וֶועל אִיךְ נִישְׁט אָנְקוּמֶען דִיךְ גֶענוּג צוּ דַאנְקֶען.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מַיין וַוייבּ זִי זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, זִי זָאל קֶענֶען שְׁטֵיין אוֹיף דִי פִּיס, עֶס אִיז אִיר אַזוֹי שְׁוֶוער יֶעצְט אִין דִי חֲדָשִׁים וָואס זִי וַוארְט, דִי פִּיס טוּט אִיר זֵייעֶר וֵויי, הֶעלְף זִי זָאל זַיין גֶעזוּנְט".

אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן אָן אוֹיפְהֶער, דַאנְק אוּן בֶּעט - וֶועסְטוּ זֶען אַז זִי וֶועט הָאבְּן אַ רְפוּאָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מַאךְ נִישְׁט מְשׁוּגָע דַיין וַוייבּ צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן פְּרָאסְט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

זַיי מְחַזֵק דַיין וַוייבּ זִי זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל; שְׁלֶעפּ אִיר נִישְׁט אַרָאפּ, מַאךְ אִיר נִישְׁט מְשׁוּגָע צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן פְּרָאסְט.

עֶס אִיז גוּט פַאר אִיר אוּן פַאר דִיר אַז זִי אַרְבֶּעט אִין אוּנְזֶער סְקוּל, אִין בֵּית פֵיגָא; אָבֶּער מִיר קֶענֶען נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט אִירֶע קְלֵיידֶער, מִיר דַארְפְן אַז אַלֶע אוּנְזֶערֶע אַרְבֶּעטֶערְס זָאלְן ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ קוּמֶען אָנְגֶעטוּן שֵׁיין אֵיידְל.

זַיי אִיר מְחַזֵק זִי זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן ווִי אַלְס מֵיידְל, אֵיידְל אוּן שֵׁיין, שְׁלֶעפּ אִיר נִישְׁט אַרָאפּ; חַס וְחָלִילָה אַז דִי וַוייבּ ווָארְפְט אַוֶועק פוּן זִיךְ דִי שֵׁיינֶע מִדָּה פוּן צְנִיעוּת, דַאן צֶעפַאלְט דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ.

זַיי שְׁטַארְק מִיט דַאוֶונֶען אִין שׁוּל דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת אוּן אוֹיךְ מִיט דִי בְּלַאט גְמָרָא; דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת אִין שׁוּל אוּן לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא אִין שְׁטוּבּ, דָאס וֶועט דִיר הֶעלְפְן אִין אַלֶעס, בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אִיךְ קוּק אַרוֹיס אוֹיף דִיר אַז דוּ וֶועסְט אוֹיסְוַואקְסְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... **נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִיר; פוּן דַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, פוּן דַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן הַתְמָדַת הַתּוֹרָה. אִיךְ הֶער צוּרִיק זֵייעֶר שֵׁיינֶע גְרוּסְן פוּן אִינְגֶעלַייט אִין שְׁטֶעטְל; סַיי פוּן דִי מְלַמְּדִים אוּן סֵיי פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ - אַז דוּ פִירְסְט זִיךְ ווִי אַ דֶערְוַואקְסֶענֶער, מִיט גוּטֶע מִידוֹת.

אִיךְ ווִיל דִיךְ מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט זַיין שְׁטַארְק מִיטְן בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג. גֵיי צוּם שִׁיעוּר, אוּן עֶס זָאל דִיר נִישְׁט נֶערְוֶועז מַאכְן דִי יוּנְגֶערֶע קִינְדֶער וָואס

קוּמֶען צוּם שִׁיעוּר; אַדְּרַבָּה, זָאלְסְט פַארְגִינֶען דִי קִינְדֶער אִין שְׁטֶעטְל אַז זֵיי קוּמֶען אוֹיךְ צוּם שִׁיעוּר אוּן אַז זֵיי גֵייעֶן אוֹיךְ הֲפָצָה.

יֶעצְט זוּמֶער וֶועל אִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף אַרוֹיסְקוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל, זַיין דָארְט בִּיז דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר וֶועלְן קֶענֶען אִינְאֵיינֶעם זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיטְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת. אִיךְ קוּק אַרוֹיס אוֹיף דִיר אַז דוּ וֶועסְט אוֹיסְוַואקְסְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ הָאבּ צוּגֶעזָאגְט פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן נָאךְ יָארְן צוּרִיק, אַז זֵיי וֶועלְן מִיר הֶעלְפְן מִיט דִי סְקוּל בֵּית פֵּיגָא אוּן אִיךְ וֶועל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן טָאג צְוִוישְׁן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן אוּן אִים דִינֶען אָן אוֹיפְהֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֵיין אָנְגֶעטוּן פְּרָאסְט אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שֵׁיין, עֶס אִיז עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

עֶס לוֹינְט זִיךְ פַאר אַייךְ אִיר זָאלְט זִיךְ אָנְטוּן אֵיידְל, אֵיידְל אָנְגֶעטוּן הָאט אַלֶע טַעֲמִים; אֵיידְל אִיז שֵׁיין, אֵיידְל אִיז רַייךְ; גֵיין אָנְגֶעטוּן פְּרָאסְט אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שֵׁיין, עֶס אִיז עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה; דִי וָואס גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן פְּרָאסְט זֶענֶען נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ, זֵיי זֶענֶען בְּרוֹגֶז אוֹיף זִיךְ, זֵיי הָאבְן נִישְׁט קַיין טַעַם אִין זֵייעֶר לֶעבְּן. דִי גוֹיִם, דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם - זֵיי הָאבְן נִישְׁט בַּאקוּמֶען דִי מַתָּנָה וָואס מִיר אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְן.

טוּט זִיךְ אָן שֵׁיין, אֵיידְל; אִיךְ וִויל זֵייעֶר אִיר זָאלְט וַוייטֶער קֶענֶען זַיין בַּיי אוּנְז אִין בֵּית פֵּיגָא, אִיךְ וִויל אִין בֵּית פֵּיגָא זָאלְן אַלֶע טִיטְשֶׁערְס אוּן סֶעקְרִיטֶערִיס זַיין אֵיידְל אָנְגֶעטוּן, נִישְׁט פְּרָאסְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִיט חָכְמָה מַאכְן שָׁלוֹם מִיט דִי שְׁכֵנִים קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע לִיבֶּע מִשְׁפָּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אַז דִי קִינְדֶער, דִי שְׁכֵנִים - טְשֶׁעפֶּען עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער, זָאלְן עֶנְק מִיט חָכְמָה אוֹיסְטֵיילְן פַּאר דִי קִינְדֶער קֶענְדִיס, לַאלִיס, אֵייסֶעס וְכַדוֹמֶה, אוּן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת פְּרוּבִּירְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם.

וֶוען מֶען וואוּנְט צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דַארְף מֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרְבֶּעטְן אוֹיף זִיךְ, מֶען זָאל קֶענֶען סוֹבֵל זַיין אַנְדֶערֶע אוּן קֶענֶען דָן זַיין אַלֶעמֶען לְכַף זְכוּת.

נֶעמְט דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן שְׁטֶענְדִיג צוּטוּן מִיט עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער אוּן גֶעבְּט זֵיי גוּטֶע זַאכְן, אַזוֹי וֶועט וֶוערְן שָׁלוֹם, סַיי צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער אוּן סַיי צְוִוישְׁן דִי עֶלְטֶערְן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְרוּשַׁלְמִי עֵירוּבִין פֶּרֶק ג, הֲלָכָה ב) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פְרוֹי וָואס הָאט פַּיינְט גֶעהַאט אִיר שְׁכֵנָה, אוּן וֶוען זִי הָאט גֶעשִׁיקְט אִיר קִינְד טְרָאגְן דִי עֵירוּב צוּם שְׁכֵנָה הָאט זִי אַרוּמְגֶענוּמֶען דָאס קִינְד, אִים גֶעקוּשְׁט אוּן גֶעהַאלְזְט. דָאס קִינְד הָאט דֶערְצֵיילְט אִין שְׁטוּב אַז דִי פְרוֹי, דִי שְׁכֵנָה - "הָאט מִיךְ לִיבּ, זִי הָאט מִיךְ גֶעהַאלְזְט אוּן גֶעקוּשְׁט", הָאט דִי מַאמֶע זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "הֵכִין הֲוַות רַחְמָה לִי וְלֹא הֲוֵינָא יְדָעָה", אַזוֹי? זִי הָאט מִיךְ לִיבּ אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט דֶערְפוּן? "מִתּוֹךְ כַּךְ עָשׂוּ שָׁלוֹם", אַזוֹי הָאבְּן זֵיי שָׁלוֹם גֶעמַאכְט.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים בְּרֶענְגֶען דִי מַעֲשֶׂה צוּ וַוייזְן אַז דִי מִצְוָה פוּן עֵירוּב מַאכְט שָׁלוֹם; מִיר קֶענֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַרוֹיסְלֶערְנֶען נָאךְ אַ זַאךְ, אַז מֶען גֶעבְּט אַ קִינְד אַ גוּטֶע זַאךְ, פַארְן שָׁכֵן'ס אַ קִינְד - דַאן וֶוערְט שָׁלוֹם צְוִוישְׁן דִי עֶלְטֶערְן, אוּן פַארְקֶערְט, אַז מֶען גֶעבְּט אַ פְּסַק פַארְן שָׁכֵן'ס אַ קִינְד, מֶען אִיז מְחַנֵּךְ יֶענֶעמְ'ס קִינְדֶער - וֶוערְט אַ פֵייעֶר צְוִוישְׁן אַלֶע שְׁכֵנִים.

נֶעמְט עֶנְק דִי מִצְוָה פוּן שָׁלוֹם, דָאס זָאל זַיין עֶנְקֶער מִצְוָה אוֹיף וָואס עֶנְק פַארְלֵייגְן זִיךְ; אַזוֹי וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת וָואס קוּמְט דוּרְךְ שָׁלוֹם. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת שָׁלוֹם, סִימָן יח): "הַבְּרָכָה בָּא עַל יְדֵי שָׁלוֹם", דוּרְךְ שָׁלוֹם קוּמֶען אַלֶע בְּרָכוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אוֹיבּ אִיז מֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, וָואס הָאט מֶען פוּן דִי לֶעבְּן?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שִׂמְחָה, וַוייל זַיין פְרֵיילִיךְ אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ; אַ מֶענְטְשׁ קֶען אַלֶעס הָאבְּן, אוֹיבּ אִיז מֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ - וָואס הָאט מֶען פוּן דִי לֶעבְּן?

אַרְבֶּעט אוֹיף דִי מִדָּה פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ; מַיין נִישְׁט עֶס אִיז אַ קְלֵיינִיקֵייט, זַיין פְרֵיילִיךְ אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ. שִׂמְחָה אִיז דֶער מְקוֹר פוּן קְדוּשָּׁה, אוּן פַארְקֶערְט, עַצְבוּת - אִיז דִי מְקוֹר הַטּוּמְאָה. דֶערְפַאר דַארְף מֶען טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל אַזוֹי אִיז מֶען מְבַטֵּל דִי טוּמְאָה.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי תְּפִלָּה:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין אַלֶע מַיינֶע אֵבָרִים, פוּן קָאפּ בִּיז פִּיס; בִּיז אִיךְ וֶועל זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ וֶועל אָנְהוֹיבְּן טַאנְצְן פוּן גְרוֹיס פְרֵייד אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז דוּ הָאסְט מִיךְ בַּאשַׁאפְן אַ אִיד אוּן מִיר גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר אוּן נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר דִי בִּיטֶערְקֵייט אוּן פוֹילְקֵייט, אִיךְ זָאל נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, אוּן בִּזְכוּת שִׂמְחָה זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין נִכְלָל וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אִין דִיר, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט זֶען פַאר מַיינֶע אוֹיגְן נָאר דִיךְ בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ זָאל זֶען אוּן שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט אַלֶעס אוּן עֶס אִיז מֶער

**גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דוּ אַלֵיינְס, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵמָה, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה".**

**הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דֶער וֶועכְנְטְלִיכֶער שִׁיעוּר, קוּם צוּם שִׁיעוּר זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי עֵצוֹת פוּנֶעם בֵּן הַשִּׂמְחָה.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר אַייזֶערְנֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעפַאלְן**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**אַז עֶס אִיז אַייךְ גָאר בִּיטֶער - זָאלְט אִיר זִיךְ מְבַטֵל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט** (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רעט) **"פַּעַם אַחַת אָמַר לִי בָּזוּ הַלָּשׁוֹן", אַמָאל הָאט מִיר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דֶעם לָשׁוֹן: "אַז עֶס אִיז שׁוֹין גָאר שְׁלֶעכְט, אִיז מֶען זִיךְ גָאר מְבַטֵל", הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "אֵיךְ מְבַטְלִין עַצְמוֹ", ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְבַטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? הָאט דֶער רֶבִּי מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מֶען פַארְמַאכְט דָאס מוֹיל אוּן דִי אוֹיגְן, אִיז בִּטּוּל".**

**זָאגְט רֶבִּי נָתָן: "מִזֶּה מוּבָן עֵצָה", דָאס אִיז דִי עֵצָה וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, עֶר פַארְדְרֵייט אִים דֶעם קָאפּ מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, עֶר מַאכְט בִּלְבּוּלִים אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אִים צוּ בַּאזִיגְן, זָאל מֶען זִיךְ מְבַטֵל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כִּי כָל הָאָדָם יָכוֹל לְבַטֵל עַצְמוֹ לְגַמְרֵי לִפְעָמִים", דָאס קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער טוּן, יֶעדֶער קֶען צוּקוּמֶען צוּ בִּיטוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "דְהַיְנוּ לִסְתּוֹם פִּיו וְעֵינָיו וּלְסַלֵּק דַּעְתּוֹ לְגַמְרֵי, כְּאִלּוּ אֵין לוֹ שׁוּם דַּעַת וּמַחְשָׁבָה כְּלַל", זִיךְ פַארְמַאכְן דִי מוֹיל אוּן דִי אוֹיגְן כְּאִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל, "רַק יְבַטֵּל עַצְמוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְגַמְרֵי", אוּן זִיךְ מְבַטֵל זַיין אִינְגַאנְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר כֹּחַ, גֶעבּ מִיר מֹחַ, אִיךְ בִּין אֵיינֶער אַלֵיין, גֶעבּ מִיר אַייזֶערְנֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעפַּאלְן".

דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען בַּאקוּמְט פְרִישֶׁע כֹּחוֹת צוּ אָנְגֵיין מִיטְן לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נֶעם נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ קַיין צֵייטוּנְגֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

עֶס אִיז כְּדַאי זָאלְסְט צַאמְנֶעמֶען אַלֶע בְּרִיוו וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן בְּמֶשֶׁךְ אַלֶע יָארְן פוּן וֶוען מִיר קֶענֶען זִיךְ, אוּן גֵיי דָאס אִיבֶּער. אִין דִי בְּרִיוו אִיז דָא אַסַאךְ עֵצוֹת, חִיזוּק אוּן שֵׂכֶל פַארְן לֶעבְּן, סַיי פַארְן טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן אוּן סַיי אוֹיף שְׁפֶּעטֶער.

נֶעם נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ קַיין צֵייטוּנְגֶען, אוּן אַז מֶען דַארְף אַמָאל קוּקְן - אִיז זִיכֶער נִישְׁט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, דִי הֵיילִיגֶע טָאג; שַׁבָּת אִיז אַ צַייט צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין בְּיִרְאַת שָׁמַיִם. קֶענְסְט אִיבֶּערְקוּקְן דִי בְּרִיוו שַׁבָּת, זִיךְ מְחַזֵּק זַיין בְּיִרְאַת שָׁמַיִם.

עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אִיז גוּט צוּ לֶערְנֶען, בִּפְרַט שַׁבָּת. דִי בְּרִיוו אִיז זֵייעֶר מְחַזֵּק לְיִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן עֶס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הוֹיבּ אָן דַיין טָאג מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת. גֵיי הִינְטֶער דַיין שְׁטוּבּ, צְוִוישְׁן דִי גְרָאז, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת אוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת, בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין זֵיי צוּ מְבַטֵּל זַיין.

...

### דָאקְטֶער לֶערְנֶער לָאזְט נִישְׁט אַרְבֶּעטְן נָאךְ פִינְף אַזֵייגֶער

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת שְׁלַח, כ"ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ אַ צַייט צוּ לֶערְנֶען אִינְדֶערְפְרִי אוּן בַּייַנאַכְט, ווייל נָאר אַז מֶען הָאט אַ שִׁיעוּר אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִינְדֶערְפְרִי אוּן בַּייַנאַכְט - הָאט מֶען לֶעבְּן.

זָאג פַאר דַיין בַּעַל הַבַּיִת אַז דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן דַיין דָאקְטֶער אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַרְבֶּעטְן נָאךְ פִינְף אַזֵייגֶער, שְׁפֶּעטְסְטְנְ'ס זֶעקְס אַזֵייגֶער.

אַז עֶר וֶועט דִיךְ פְרֶעגְן דֶעם נָאמֶען פוּנֶעם דָאקְטֶער, זָאג: "דָאקְטֶער לֶערְנֶער"; מוֹהֲרָא"שׁ אִיז נָאךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם דָאקְטֶער.

פִינְפֶע צַייט אָדֶער זֶעקְסֶע זָאלְסְטוּ אַהֵיים גֵיין, טוּ זִיךְ אִיבֶּער דִי אַרְבֶּעטְ'ס קְלֵיידֶער אוּן טוּ זִיךְ אָן שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער. זָאג פַאר דַיין ווייבּ אוּן קִינְדֶער אַז דוּ הָאסְט אַ חֲתוּנָה, דוּ מִיט דִי תּוֹרָה גֵייעֶן חֲתוּנָה הָאבְּן; גֵיי אִין שׁוּל אוּן זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ לֶערְנֶען אוּן לַאךְ זִיךְ גוּט אוֹיס, אוּן זַיי גְרֵייט אַז יֶעדְן טָאג גֵייעֶן אוּנְטֶערְקוּמֶען אַ זֵייעֶר זֵייעֶר ווִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ עֶרְלֶעדִיגְן; זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְדְרֵייעֶן, נָאר גֵיי בַּאהַאלְט זִיךְ אִין שׁוּל מִיט דִי הֵיילִיגֶע מִשְׁנַיוֹת, גְּמָרָא אוּן הֲלָכָה.

...

### בִּיסְט נִישְׁט גֶערֶעכְט מִיט דִי וֶועג פוּן פְּרִישׁוּת

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת שְׁלַח, כ"ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

בִּיסְט נִישְׁט גֶערֶעכְט מִיט דִי וֶועג פוּן פְּרִישׁוּת וְכוּ'. קוּק אַרַיין אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן בְּנֵי יִשָּׂשכָר אִין סֵפֶר דֶרֶךְ פִּקּוּדֶיךָ, מִצְוַת פְּרָיָ' וְרְבְיָ' (חֵלֶק הַדִּבּוּר, אוֹת יב): "כְּשֶׁרוֹאֶה שֶׁאִשְׁתּוֹ מְשַׁדַּלְתּוֹ בִּדְבָרִים", וֶועט מֶען זֶעט ווִי דִי ווייבּ ווִיל לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם, "מִצְוָה לִפְקוֹדָהּ, וְהָוֵי לֵיהּ בְּנִין דְּמַעֲלֵי", דֶעמָאלְט קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גוּטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

אוֹיךְ קוּק אַרַיין אִין דִי וֶוערְטֶער וָואס עֶר זָאגְט: "וְנִרְאֶה לִי דְּגַם הַמְּקֻבָּלִים מוֹדִים לָזֶה אֲפִי' אֵינוֹ בְּשַׁבָּתוֹת וְיָמִים טוֹבִים, דְּעִקַּר אַזְהָרַת הַמְּקֻבָּלִים הוּא בִּכְדֵי לְהַמְשִׁיךְ נְשָׁמוֹת קְדוֹשׁוֹת מַה שֶּׁאֵין כֵּן יְמֵי הַחוֹל אֵינָם מְסֻגָּלִים לָזֶה, אֲבָל בְּנִדּוֹן הַזֶּה נַפְקָא לָן מִן הַתּוֹרָה דַּהֲוָה לֵיהּ בִּנְיַן דְּמַעֲלֵי, דְּלָמַדְנוּ זֶה מְלָאכָה שֶׁיָּצָא מִמֶּנָּה יִשָּׂשכָר", דִי אַלֶע זְמַנִים וָואס שְׁטֵייט פוּן דִי מְקֻבָּלִים - דָאס אִיז נָאכְן מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן פְּרוּ' וּרְבוּ', אָבֶער אַ אִינגֶערְמַאן, שָׁנָה רִאשׁוֹנָה, דַארְף לֶעבְּן אָן קַיין פְּרִישׁוּת.

לֶעבְּן מִיט דִי וַוייבּ אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן - אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס קִילְט אָפּ אָדֶער שְׁלֶעפְּט אַרָאפּ פוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַזוֹי זָאגְן דִי פַארְדְרֵייטֶע מַדְרִיכִים.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין מִפְּנֵי הַצְּנִיעוּת, עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ שְׁרַייבְּן בַּאֲרִיכוּת, אִיךְ וֶועל רֶעדְן מִיט דִיר פָּנִים בְּפָנִים.

...

אִיךְ דַאנְק דִיךְ זֵייעֶר פַארְן הֶעלְפְן דִי קְהִילָה מִיטְ'ן יֶערְלִיכְן קַאמְפֵּיין
בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ דַאנְק דִיךְ זֵייעֶר פַארְן הֶעלְפְן אוּנְזֶער קְהִילָה, קְהִלּוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ. בִּפְרַט אַז דוּ הֶעלְפְסְט הָאבְרֵךְ אַהֲרֹן יִשְׂרָאֵל פִּישׁ מִיט דִי יֶערְלִיכֶע קַאמְפֵּיין לְטוֹבַת דִי מוֹסְדוֹת.

מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע שְׁטִיצֶע פוּן אִינְדְרוֹיסְן, אָבֶער מִיר הָאבְּן אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען זֵייעֶר גֶעטְרֵיי; זֵייעֶר לֶעבְּן אִיז הֶעלְפְן בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת וָואס פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס לִימוּדִים.

קוּק צוּרִיק דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר וִוי שֵׁיין מִיר הָאבְּן מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט דִי רְצוֹנוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעבּוֹיט דֶעם קְלוֹיז נִישְׁט מִיט גֶעלְט פוּן עֲשִׁירִים נָאר מִיט דִי רְצוֹנוֹת פוּן אָרֶעמֶעלַייט".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן הַצְלָחָה אוּן בְּרָכָה.

...

## רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער, אִיךְ הָאבּ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת שְׁלַח, כ״ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן, דוּ הֶעלְפְּסְט בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן אִין דִי וֶועלְט. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ וַוייטֶער צוּ הֶעלְפְן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט.

הוֹיבּ נִישְׁט אָן דַיין טָאג אֵיידֶער דוּ גֵייסְט אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת. הָאסְט דָאךְ אַ גְרוֹיסֶער פֶעלְד אַרוּם דַיין שְׁטוּבּ, גֵיי אִין אַ ווִינְקְל אוּן שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, בֶּעט:

**״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער, אִיךְ הָאבּ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ״.**

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, מִיט דִי זִיסֶע וֶועג פוּן רֶבִּי׳ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת - אִיז דִי לֶעבְּן אַ ״גַן עֵדֶן״.

...

## מֶען דַארְף הַאקְן אוּן הַאקְן, בִּיז מֶען אִיז מַצְלִיחַ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת שְׁלַח, כ״ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

וֶוען מֶען ווִיל עֶפֶענֶען אַ פַארְמַאכְטֶע זַאךְ, מֶען הַאקְט מִיטְן הַאק - וֵוייסְט יֶעדֶער אַז עֶס גֵייט נִישְׁט מִיט אֵיין הַאק, נָאר דוּרְךְ הַאקְן אוּן הַאקְן אָן אַן אָפְּשְׁטֶעל, בִּיז מֶען אִיז מַצְלִיחַ צוּ עֶפֶענֶען. אַזוֹי אִיז מִיט פּוֹעֵל׳ן אַ יְשׁוּעָה, מֶען דַארְף בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן אוּן נָאכְאַמָאל בֶּעטְן - בִּיז מֶען אִיז מַצְלִיחַ צוּ פּוֹעֵל׳ן יְשׁוּעוֹת.

בַּאנֵיי צוּרִיק דַיין שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, זָאג יֶעדְן טָאג כַּמָּה פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, כְּסִדְרָן דַּיְקָא; דָאס הִיט אָפּ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס בָּזֶה וּבַבָּא.

וֶוען מֶען וֶועט אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט - וֶועט מֶען זֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, מֶען וֶועט זִיךְ דֶעמָאלְט מְחַיֶּ' זַיין מִיט יֶעדֶע פֶּרֶק, יֶעדֶע מִשְׁנָה.

...

---

**וֶוען דוּ הָאסְט אַפָּאר מִינוּט, זָאלְסְטוּ גוֹרֵם זַיין מִשְׁנַיוֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת שְׁלַח, כ"ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר

נֶעם מִיט דִיר שְׁטֶענְדִיג אַ מִשְׁנַיוֹת'ל, אוּן וֶוען דוּ הָאסְט אַפָּאר מִינוּט - זָאלְסְטוּ גוֹרֵם זַיין מִשְׁנַיוֹת.

מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָה; מִשְׁנַיוֹת לַייטֶערְט אוֹיס דִי נְשָׁמָה. מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת מְשַׁנֶּה; אַז מֶען לֶערְנְט מִשְׁנָה - אִיז דָאס מְשַׁנֶּה דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ יֶעדְן טָאג מִתְבּוֹדֵד זַיין. רֶעד צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ - אִידִישׁ; בֶּעט דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן:

"קָרְבֵנוּ לְתוֹרָתֶךָ, זַיי מִיךְ מְקָרֵב צוּ דִי תּוֹרָה, אִיךְ זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה, אִיךְ זָאל פַארְשְׁטֵיין תּוֹרָה, לַמְּדֵנוּ מִצְוֹתֶיךָ, לֶערְן מִיךְ דַיינֶע מִצְוֹת, הוֹרֵינוּ דְרָכֶיךָ, ווַייז מִיר דַיינֶע וֶועגְן, הַט לִבֵּנוּ לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ, בֵּייג מִיךְ צוּ דִיר, בֵּייג מַיין הַארְץ אִיךְ זָאל וֶועלְן זַיין גוּט".

אִין דִי צְוֵויי עֵצוֹת זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן, תּוֹרָה וּתְפִלָּה - וֶועסְטוּ קֶענֶען מְנַצֵּחַ זַיין דִי שְׁוֶוערֶע מִלְחֶמֶת הַיֵּצֶר.

...

---

**אַז עֶס אִיז אַרַיינְגֶעבַּאקְן אֱמוּנָה, קֶען מֶען אַלֶעס דֶערְהֵייבְּן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער חָבֵר ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ נֵס אַז מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי'ן, אַ נֵס אַז מִיר זֶענֶען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים; וָואס וָואלְטְן מִיר גֶעטוּן אָנֶעם רֶבִּי'ן...?

דִּי אֱמוּנָה וָואס דֶער רֶבִּי לֵייגְט אַרַיין אִין אוּנְז - דָאס אִיז דָאךְ אַ זַאךְ וָואס רַאטֶעוֶועט, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, אוּן אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה, עֶס אִיז אַרַיינְגֶעבַּאקְן אֱמוּנָה - קֶען מֶען אַלֶעס דֶערְהֵייבְּן, מֶען הָאט כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אוֹיבּ דִּי אֱמוּנָה אִיז שְׁוַואךְ - אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ קֶענֶען אַדוּרְכְטְרָאגְן.

אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ אֲשֶׁר בַּנַּחַל שָׁם גּוֹרָלֵנוּ, אַז מִיר וֵוייסְן פוּן אַזַא רֶבִּי, פוּן אַזֶעלְכֶע תַּלְמִידִים.

...

**נָאךְ הִתְבּוֹדְדוּת אָנְהוֹיבּ טָאג, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַן אַנְדֶערֶע טָאג**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

זֵיי שְׁטַארְק מִיט הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה, הוֹיבּ אָן דֶעם טָאג מִיט דִּי הֵיילִיגֶע זַאךְ, גֵיי אַ שְׁפַּאצִיר צְוִוישְׁן דִּי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער. דוּ וואוֹינְסְט אִין שְׁטֶעטְל, אַ שֵׁיינֶע פְּלַאץ, אַ רֵיינֶע פְּלַאץ; אִין שְׁטֶעטְל קֶען מֶען גְרִינְג מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן נב) מֶען זָאל זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין: "בְּדֶרֶךְ יְחִידִי, בְּמָקוֹם שֶׁאֵין הוֹלְכִים שָׁם בְּנֵי אָדָם", אִין אַ לֵיידִיגֶע פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט, וואוּ מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן נִישְׁט, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן:

**"הוֹרֵינוּ ה' דַּרְכֶּיךָ, וַוייז מִיךְ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם דַיין וֶועג, אֲהַלֵּךְ בַּאֲמִתֶּךָ, וַוייז מִיר דִּי אֱמֶתְ'עֶ וֶועג".**

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אַז דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן דֶעם טָאג מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, דוּ

װעסְט זיך מִתְבּוֹדֵד זַיין הִינְטֶער דַיין שְׁטוּבּ, אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּ דִי בֵּיימֶער, דוּ װעסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, דוּ װעסְט זִיךְ אוֹיסְרֵיידְן צוּ אִים, דוּ װעסְט שְׁפִּירְן דֶעם אוֹיסְוֵויינֶען וְכוּ׳ - װעסְטוּ הָאבְּן אַן אַנְדֶערֶע טָאג, דוּ װעסְט שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִיר, װעסְט קוּקְן אוֹיף אַלֶעס מִיט אַן אֶמֶת; מַחֲלֹקֶת, קִנְאָה, שִׂנְאָה - דִי אַלֶע זַאכְן װעט נִישְׁט רֶעדְן צוּ דִיר, דוּ װעסְט זַיין אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

**מִיט חָכְמוֹת אוּן לֵיצָנוּת פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת שְׁלַח, כ״ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז דָא אֵיין זַאךְ בַּיי דִיר וָואס אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ, פוּן װען אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעפִינֶען, פוּן װען דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט בַּיי מִיר - הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר לִיבּ דַיין תְּמִימוּת, דָאס אִיז בַּיים רֶבִּי׳ן אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, וַוייל נָאר מִיט תְּמִימוּת קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ װערְן אַ צַדִיק, אוּן פַארְקֶערְט, מִיט חָכְמוֹת אוּן לֵיצָנוּת - פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס.

בְּרוּדֶער, גֵיי אָן מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, גֵיי אָן מִיט דַיין תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת. זַיי שְׁטַארְק אִין דַאוְוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן אוּן מִיט אַ סִידוּר. בַּיים דַאוְוענֶען זָאלְסְטוּ נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן מִיט קֵיינֶעם אוּן נִישְׁט הָאבְּן דֶעם טֶעלֶעפָאן מִיט דִיר, בַּיים דַאוְוענֶען זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּדֶעקְן מִיטְן טַלִית אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, בֶּעט אוֹיךְ פַאר דַיינֶע דוֹרוֹת.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג לֵייגְן אַפָּאר פְּרוּטוֹת אִין צְדָקָה פּוּשְׁקֶע, אוּן בַּיים לֵייגְן צְדָקָה זָאלְסְטוּ מִתְפַּלֵל זַיין. בֶּעט פַאר דִיר, פַאר דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אַלֶע זָאלְן בְּלַייבְּן גֶעטְרֵיי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דִי תּוֹרָה.

...

## אִיךְ וֶועל טוּן וָואס אִיז מֶעגְלִיךְ אַז דוּ זָאלְסְט צוּרִיק וֶוערְן פְרֵיילִיךְ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת שְׁלַח, כ"ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ שְׁפִּיר אַז דוּ בִּיסְט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, אוֹיךְ זֶעט אִיךְ אוֹיף דִיר אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זֶע דַיין פָּנִים הָאט נִישְׁט דֶעם שֵׁיין אוּן לִיכְטִיגְקֵייט פוּן אַמָאל. אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ הֶערְן וָואס שְׁטֶערְט דִיר, אוּן וָואס זֶענֶען דִי טַעֲנוֹת וָואס דוּ הָאסְט, אוּן וָואס אִיז מֶעגְלִיךְ וֶועל אִיךְ טוּן אַז דוּ זָאלְסְט צוּרִיק וֶוערְן פְרֵיילִיךְ.

בְּרוּדֶער, נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, גֵיי אִין אַ ווִינְקֶל אוּן שְׁמוּעֶס מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער. בֶּעט אִים:

**"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, מַאךְ מִיךְ גוּט, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַּרְעוּמוֹת אוֹיף דִיר".**

"וּבְחָנוּנִי נָא בְּזֹאת" - הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט, "אוֹיב וֶועט אַ מֶענְטְשׁ הָאבְּן פֶּערְצִיג טֶעג הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיף אֵיין זַאךְ אוּן נִישְׁט זֶען אַ יְשׁוּעָה".

אִיךְ בֶּעט דִיר לִיבֶּער בְּרוּדֶער, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ.

...

## הֶעלְף דַיין וַוייבּ מִיטְן מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת שְׁלַח, כ"ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ דִיךְ שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעזֶען, אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט זִיךְ נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט פוּן וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, אַז דוּ זָאלְסְט הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער.

דוּ בֶּעטְסְט מִיר שְׁטֶענְדִיג אִיךְ זָאל דִיר זָאגְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין שְׁטוּבּ, דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעזָאגְט; אָבֶּער אוֹיבּ עֶס אִיז דִיר צוּ שְׁטַארְק נִישְׁט אַיינְגֶענֶעם - וֶועל אִיךְ נִישְׁט זָאגְן.

בְּרוּדֶער, אִיךְ ווִיל נָאר דוּ זָאלְסְט הָאבְּן לֶעבְּן, שָׁלוֹם בַּיִת, נַחַת; אִיךְ בִּין נִישְׁט מַרְוִיחַ פוּן דֶעם, דָאס אִיז נָאר פַאר דִיר.

בְּרוּדֶער שְׁטַארְק זִיךְ, הֶעלְף דַיין וַוייבּ מִיט עֲבוֹדַת הַחִינוּךְ, עֶס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע עֲבוֹדָה צוּ מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֵיין אִין דִי תּוֹרָה וֶועג.

...

### זַיי שְׁטָאלְץ מִיט דַיין צֶלֶם אֱלֹקִים, מִיט דַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת שְׁלַח, כ"ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

לָאז גְרִיסְן דַיין שְׁוֶוער מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, דַיין שְׁוֶוער אִיז אַ טֵייעֶרֶער אִיד, אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ אִים, עֶר הָאט שְׁטַארְקֶע תְּמִימוּת, שִׁיק אִים אַ גְרוּס.

טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ...., זַיי שְׁטָאלְץ מִיט דַיין צֶלֶם אֱלֹקִים, דַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וָואס הָאט אַ אִיד צוּ זָארְגְן וֶוען עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט מִיט בָּארְד אוּן פֵּאוֹת?"

אַזֶעלְכֶע שְׁטַארְקֶע וֶוערְטֶער... מֶען זֶעט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֵיין מִיט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען פוּן דִי גַאס.

זוּמֶער וֶועלְן מִיר זַיין מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ הָאף דִיךְ צוּ זֶען, זִיךְ קֶענֶען מְחַזֵק זַיין אִינְאֵיינֶעם.

...

### בַּיי קִבְרֵי צַדִיקִים, נֶעמְט מֶען מֶער אָן דִי תְּפִילוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת שְׁלַח, כ"ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל

וֶוען דוּ הָאסְט אַפָּאר מִינוּט - זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרוֹיפְכַאפְּן צוּם צִיוּן פוּן רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ מְסַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן דָארְט זָאגְן אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִים אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיינֶע בַּקָשׁוֹת.

אַזוֹי אוֹיךְ, אַז דוּ בִּיסְט אִין גֶעגְנְט פוּן מָאנְסִי - זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרוֹיפְכַאפְּן צוּם צִיוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רִיבְּנִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דָארְט בֶּעטְן. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן קעג): "עַל יְדֵי הִשְׁתַּטְּחוּת עַל קִבְרֵי הַצַּדִּיקִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לוֹ טוֹבוֹת, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְכָךְ", אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים, אֲפִילוּ דֶער וָואס אִיז נִישְׁט וֶוערְד מֶען זָאל אָנְנֶעמֶען זַיינֶע תְּפִילּוֹת - דָארְט בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים - נֶעמְט מֶען אָן דִי תְּפִילּוֹת.

אִיךְ פְּלֶעג מִיטְהַאלְטְן, וֶוען מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעוֶוען אִין מָאנְרָא אוּן אִין מָאנְסִי - הָאט עֶר זִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעכַאפְּט מִתְפַּלֵּל זַיין בַּיי דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים.

בְּרוּדֶער, אַל תִּתְיָאֵשׁ, זַיי זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן.

וַוארְט מִיט סַבְלָנוּת.

...

**זַיי שְׁטַארְק מִיט דִי צְוֵויי זַאכְן, חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן מִקְוֶה יֶעדְן טָאג**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִשְׁנַיוֹת קִנִּים ג, ו) דֶער וָואס לֶערְנְט, "כָּל זְמַן שֶׁמַּזְקִינִין", וִוי עֶלְטֶער עֶר וֶוערְט, "דַּעְתָּן מִתְיַשֶּׁבֶת עֲלֵיהֶן", וֶוערְט עֶר קְלוּגֶער, "זִקְנֵי עַם הָאָרֶץ", אוּן דִי וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט, "כָּל זְמַן שֶׁמַּזְקִינִין", וִוי עֶלְטֶער עֶר וֶוערְט, "דַּעְתָּן מִטָּרֶפֶת עֲלֵיהֶן", וֶוערְט עֶר נַארִישֶׁער אוּן נַארִישֶׁער; וַוייל נָאר דִי תּוֹרָה מַאכְט צוּפְרִידְן, נָאר דִי תּוֹרָה גֶעבְּט סִיפּוּק.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, נֶעם צוּרִיק דֶעם מִשְׁנַיוֹת, בַּאנֵיי זִיךְ, אַנְשְׁטָאט הַאלְטְן דֶעם טֶעלֶעפָאן אוּן זוּכְן אוּן קוּקְן נַארִישְׁקֵייטְן - נֶעם דִי הֵיילִיגֶע מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאג נָאךְ אַ מִשְׁנָה, נָאךְ אַ פֶּרֶק, דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן חֵן; וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה

- בַּאקוּמְט חֵן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ה, יט): "'אַיֶּלֶת אֲהָבִים וְיַעֲלַת חֵן', שֶׁמַּעֲלַת חֵן עַל לוֹמְדֶיהָ" (עֵירוּבִין נד:).

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג גֵיין אִין מִקְוֶה. זַיי שְׁטַארְק מִיט דִי צְוֵויי זַאכְן, חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן זִיךְ טוֹבֵל'ען יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה; אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק אִין דֶעם - וֶועסְטוּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

...

**אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיי, פְרֵיי פוּן אַלֶע פַארְמַאכְטְקֵייטְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ה סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס מֵיינְסְטוּ, נָאר דִיךְ פְּרוּבִירְט מֶען אוֹיס? מֶען פְּרוּבִירְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיט): "דִּבֵּר עִמָּנוּ כַּמָּה פְּעָמִים מֵעִנְיַן יִסּוּרֵי עוֹלָם הַזֶּה, שֶׁכָּל בְּנֵי הָעוֹלָם כֻּלָּם מְלֵאִים יִסּוּרִים, אֵין גַּם אֶחָד שֶׁיִּהְיֶה לוֹ עוֹלָם הַזֶּה", עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיינֶער וָואס זָאל הָאבְּן עוֹלָם הַזֶּה, "וַאֲפִלּוּ הָעֲשִׁירִים הַגְּדוֹלִים וַאֲפִלּוּ הַשָּׂרִים, אֵין לָהֶם שׁוּם עוֹלָם הַזֶּה כְּלָל", אֲפִילוּ דִי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים אוּן גְרוֹיסֶע הַארְן הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט קַיין עוֹלָם הַזֶּה, "כִּי כָל יְמֵיהֶם כַּעַס וּמַכְאוֹבוֹת", זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז פוּל מִיט וֵוייטָאג אוּן כַּעַס, "וְכֻלָּם מְלֵאִים טְרָדוֹת וּדְאָגוֹת וְעַצְבוּת וְיָגוֹן וַאֲנָחָה תָּמִיד", אוּן זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג פַארְנוּמֶען אוּן פַארְדַאֲגָה'ט, דֶעפְּרֶעסְט אוּן טְרוֹיעֶרִיג, "וְזֶה כּוֹלֵל כָּל בְּנֵי אָדָם שֶׁבָּעוֹלָם מִקָּטֹן וְעַד גָּדוֹל, כִּי כֻּלָּם נוֹלְדוּ לְעָמָל וּמְלֵאִים רֹגֶז וְיִסּוּרִין", אִין דֶעם אִיז אַרַיינְגֶערֶעכְנְט יֶעדֶער אֵיינֶער - פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין, אַלֶע מוּטְשֶׁען זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, "וְאֵין שׁוּם עֵצָה וְתַחְבּוּלָה לְהִנָּצֵל מֵעָמָל וְיָגוֹן הַזֶּה כִּי אִם לִבְרֹחַ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְלַעֲסֹק בַּתּוֹרָה", אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ רַאטֶעוֶועֶן פוּן דִי יִסוּרִים - נָאר אַז מֶען אַנְטְלוֹיפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער אוּן מֶען בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן.

זַיי פְרֵיילִיךְ אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד אוּן דוּ טוּסְט אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן, זַיי נִישְׁט

פַארְנוּמֶען מִיט דַיין שְׁלֶעכְטְס, זוּךְ דָאס גוּטְס. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן י): "מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ", פַארְוָואס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ אוּן זֶענֶען נִישְׁט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? "הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב הַדַּעַת, וְאֵינָם מְיַשְּׁבִין עַצְמָן", ווייל מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין יִשּׁוּב הַדַּעַת, מֶען טְרַאכְט נִישְׁט פוּן תַּכְלִית; זָאגְט אָבֶער דֶער רֶבִּי, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ יִשּׁוּב הַדַּעַת אוּן צוּ אַ קְלָארֶע מֹחַ צוּ ווִיסְן וָואס מֶען הָאט צוּטוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט? "אַךְ דַּע, שֶׁעַל יְדֵי מָרָה שְׁחוֹרָה אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְעַל כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ", וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ קֶען מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן גוּטֶע זַאכְן, מֶען קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן גוּט, מֶען טְרַאכְט אַ גַאנְצְן צַייט נָאר שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת. "רַק עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ", אָבֶער אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - דֶעמָאלְט קֶען מֶען בֵּייגְן דִי מַחֲשָׁבוֹת צוּ טְרַאכְטְן גוּט, "כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת", אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּשִׂמְחָה אִיז עֶר אַ פְרֵייעֶר מֶענְטְשׁ אוּן דֶער מֹחַ אִיז אִים נִישְׁט מְצוּמְצָם, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נה, יב): "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ", מִיט שִׂמְחָה גֵייט מֶען אַרוֹיס, "שֶׁעַל יְדֵי שִׂמְחָה נַעֲשִׂין בְּנֵי חוֹרִין, וְיוֹצְאִין מִן הַגָּלוּת", ווייל אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיי, פְרֵיי פוּן אַלֶע פַארְמַאכְטְקֵייטְן.

מָארְגְן וֶועט זַיין דֶער וֶועכְנְטְלִיכֶער שִׁיעוּר, מִיר וֶועלְן זִיךְ מְחַיֶּה זַיין אוּן מְחַזֵּק זַיין מִיטְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת.

דֶעם שַׁבָּת וֶועל אִיךְ נִישְׁט זַיין אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט דֶער אָדֶער יֶענֶער, נָאר דִי שֵׂכֶל פוּן מוֹהֲרָא״שׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ״ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט נַאכְט וֶועט נָאךְ זַיין דֶער לֵיל שִׁשִּׁי שִׁיעוּר אִין יְשִׁיבָה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועלְן שׁוֹין דִי שִׁיעוּרִים זַיין אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ פָאר שׁוֹין אַרוֹיס פַארְן זוּמֶער, זַיין אִין שְׁטֶעטְל, בִּיז דִי הֵיילִיגֶע טֶעג; בִּיזְ׳ן נְסִיעָה קַיין אוּמַאן. אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן, קְבִיעִין כֵּן תֶּהֱווּן בְּהַנְהוּ חֲבוּרָתָא, דוּ וֶועסְט נִישְׁט פַארְכַאפְּט וֶוערְן בַּעֲצַת מְרַגְּלִים.

מֶען דַארְף הָאבְּן גְרוֹיס רַחֲמֵי שָׁמַיִם צוּ נִיצוֹל וֶוערְן פוּן לָשׁוֹן הָרָע, רְכִילוּת, לֵיצָנוּת וְכַדוֹמֶה; מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

**״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן מִיט מִיר, וָואס הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ הָאט מִיט מִיר גֶעמַאכְט״.**

מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעגֶעבְּן אַ בְּרָכָה פַאר יְהוֹשֻׁעַ בֶּן נוּן עֶר זָאל גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי מְרַגְּלִים, אוּן כָּלֵב אִיז גֶעלָאפְן צוּם מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה דַאוֶונֶען עֶר זָאל גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי לָשׁוֹן הָרָע; אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים הָאבְּן אוֹיךְ גֶעדַארְפְט רַחֲמֵי שָׁמַיִם, תְּפִילוֹת אוּן בְּרָכוֹת - צוּ בְּלַייבְּן מִיט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אִיז דָאךְ כָּל שֶׁכֵּן אוּנְז, וָואס מִיר זֶענֶען אַזוֹי ווִי מִיר זֶענֶען, מִיר זֶענֶען אָנְגֶעשְׁמִירְט פוּן קָאפּ בִּיז פִּיס מִיט עֲבֵירוֹת - דַארְפְן מִיר דָאךְ זִיכֶער רַחֲמֵי שָׁמַיִם נִיצוֹל צוּ וֶוערְן פוּן לֵיצָנוּת.

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן אַ חָסִיד שֶׁנָּפַל. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט: ״שָׁמַעְתִּי מֵאַדְמוֹ״ר״, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי׳ן, אַז אַ ״חָסִיד שֶׁנָּפַל גָּרוּעַ מִמְּשׁוּמָּד״, אַ חָסִיד וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעקִילְט - אִיז עֶרְגֶער פוּן אֵיינֶער וָואס הָאט זִיךְ גֶע׳שְׁמַדְ׳ט; ווַייל אֵיינֶער וָואס הָאט זִיךְ גֶע׳שְׁמַדְ׳ט וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, אָבֶּער אֵיינֶער וָואס זֶעט אוֹיס ווִי אַ חָסִיד אוּן פוּן אִינֶעווֵייְנִיג אִיז עֶר פַארְלָאשְׁן, פוּל מִיט לֵיצָנוּת, אַזַא אֵיינֶער הֶערְט מֶען אוֹיס אוּן מֶען קֶען אַלֶעס פַארְלִירְן.

הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט דֶער אוּן נִישְׁט יֶענֶער, הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ זֶענֶען דִי

סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, דִי שֵׂכֶל פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן מוֹהֲרָא״שׁ. אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג דִי בְּרִיוּו, דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן מֶען הָאט גוּטֶע חֲבֵרִים מִיט וֶועם מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵּק - אַזַא אֵיינֶער פַּאלְט נִישְׁט, אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דִי סְפָרִים, דִי בְּרִיוּו אוּן קוּנְטְרֵסִים, מֶען קוּקְט אוֹיף דֶעם אוּן מֶען קוּקְט אוֹיף יֶענֶעם - אַזַא אֵיינֶער קֶען אַלֶעס אָפְּלָאזְן.

זַיי קְלוּג, הוֹיבּ צוּרִיק אָן דַיין שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, זָאג דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן קַיין הֲבָנָה, אוּן טַעֲנָה נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט אִין דִי צַוָואָה (צַוָואַת מוֹהֲרָא״שׁ, אוֹת יג): ״וֶוען אִיר וֶועט אָנְקוּמֶען אוֹיפְן עוֹלָם הָאֱמֶת דַאן וֶועט אִיר זִיךְ אַלֵיין אִיבֶּערְצַייגְן אִין דִי רִיכְטִיגְקֵייט פוּן דֶעם ׳סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד׳ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן. עֶס אִיז אַ שָׁאד דִי צַייט זִיךְ צוּ טַעֲנָה׳עֶן מִיט מֶענְטְשְׁן אִיבֶּערְן ׳סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד׳. ׳טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה׳׳ - פְּרוּבִּירְט עֶס אַלֵיין אוֹיס, וֶועט אִיר זֶען וִוי גֶעשְׁמַאק אוּן זִיס דָאס אִיז. וֶוען אִיר וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְן ׳סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד׳ וֶועט אִיר שְׁפִּירְן אַלֶע גוּטֶע טַעֲמִים דֶערִין, דָאס וֶועט אַייךְ גֶעבְּן אַ חִיוּת אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער עִיקָר פַארְוָואס מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אִיז נָאר צוּ טוּן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען לֶערְנְט כְּדֵי מְקַיֵים צוּ זַיין דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דַאן אִיז דָאס גַאנְצֶע לֶערְנֶען מַמָּשׁ ׳תּוֹרָה לִשְׁמָהּ׳ מֶען לֶערְנְט נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט אוֹיף צוּ בַּאקוּמֶען כָּבוֹד פוּן מֶענְטְשְׁן, צוּ הֵייסְן אַ רַב, אַ לַמְדָן, אַ צַדִיק אָדֶער אַ בַּעַל מְקוּבָּל, מֶען לֶערְנְט נָאר פָּשׁוּט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס וֶועגְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם. אוֹיבּ וֶועט אִיר מִיר פָאלְגְן מִיט דֶעם וֶועט אִיר בִּכְלַל נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַ בָּחוּר וָואס ווִיל נִישְׁט פָּאלְגְן, דַארְף אִיךְ אַוֶועקְשִׁיקְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת שְׁלַח, כ"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הֶער אַז דוּ הָאסְט אַ חַבֵר מִיט אַ נִישְׁט גוּטֶע טֶעלֶעפָאן, דוּ גֵייסְט מִיט אִים כְּלוֹמְרִ'יש צוּ קִבְרֵי צַדִיקִים אוּן דוּ זִיצְט שָׁעוֹת אוּן קוּקְסְט אִין זַיין טֶעלֶעפָאן.

אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן, אוֹיב דוּ ווִילְסְט מַמְשִׁיךְ זַיין בְּלַייבְּן בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה - זָאלְסְטוּ מֶער נִישְׁט גֵיין מִיט דֶעם בָּחוּר.

בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה אִין אַמֶערִיקֶע הָאבּ אִיךְ אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט דִי אַלֶע בָּחוּרִים וָואס ווִילְן נִישְׁט פָּאלְגְן מוֹהֲרָא"ש. יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט קוּמֶען בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה, נִישְׁט אוֹיף צוּ אָנְנֶעמֶען אוּן פָּאלְגְן וָואס מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, נָאר זוּכְן אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען זַיין אָן קַיין עוֹל; דִי אַלֶע הָאבּ אִיךְ יֶעצְט אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען וָואס אִיךְ זָאג דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דִי חֲשָׁדוֹת וָואס דוּ טְרַאכְטְסְט אוֹיף דַיין ווַייבּ, אִיז גֶעבֶּעךְ אַ נֶערְווְן זַאךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת שְׁלַח, כ"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר ווֵיי צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט נָאכְאַלְץ שְׁטֶעקְן גֶעבְּלִיבְּן מִיט דִי מַחֲשָׁבוֹת, נָאכְן רֶעדְן מִיט דִיר שׁוֹין פַאר אַפָּאר חֲדָשִׁים צוּרִיק; דוּ הָאסְט אַ טֵייעֶרֶע ווַייבּ, אַן אֵשֶׁת חַיִל, אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִי אִיז אַ גְרוֹיסֶע צַדֵיקֶת. דָאס וָואס דוּ טְרַאכְטְסְט חֲשָׁדוֹת אוֹיף אִיר - אִיז גֶעבֶּעךְ אַ נֶערְווְן זַאךְ, זִי אִיז אַן עֶרְלִיכֶע פְּרוֹי, אַ צַדֵיקֶת.

זָאלְסְט ווִיסְן אַז דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת פוּן חוֹשֵׁד זַיין דִי ווַייבּ וְכוּ' - זֶענֶען

פון דִי סִטְרָא אַחֲרָא; זֵיי ווילְן דִיךְ פַארְכַאפְּן אִין זֵייעֶר נֶעסְט, אִיךְ צִיטֶער אויב דו וֶועסְט פַארְכַאפְּט וֶוערְן בַּיי זֵיי.

נֶעם דִי עֵצָה פון רֶבִּי׳ן, גֵיי יֶעדְן טָאג שְׁרֵייעֶן צום אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ רַאטֶעוֶועְן פון דִי קְלִיפּוֹת, זָאג:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם מַאךְ מִיךְ גֶעזוּנְט. עֶס בּוּזְשֶׁעוֶועט מִיר דִי קָאפּ, אִיךְ טְרַאכְט אַ גַאנְצְן צַייט חֲשָׁדוֹת אויף מַיין ווַייבּ, אַנְשְׁטָאט אִיךְ זָאל אַנֶערְקֶענֶען דִי מַתָּנָה וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פון דִיר; אַ טֵייעֶרֶע ווַייבּ, אַן עֶרְלִיכֶע ווַייבּ – פַּיינִיג אִיךְ זִיךְ אַז זִי אִיז נִישְׁט עֶרְלִיךְ, און דָאס לָאזְט מִיר מַמָּשׁ נִישְׁט לֶעבְּן.

אָנָּא ה׳ אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פון שְׁאוֹל תַּחְתִּית. נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פון דִי קְלִיפּוֹת, פַארְטְרַייבּ דִי רוּחַ רָעָה וָואס אִיז אַרַיין אִין מִיר, בִּזְכוּת דַיינֶע הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועְן פַאר דַיינֶעט וֶועגְן. בִּזְכוּת רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, בִּזְכוּת הָאֲרִיזַ"ל, בִּזְכוּת הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, בִּזְכוּת רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא וְתַלְמִידָיו הַקְּדוֹשִׁים וּבִזְכוּת רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מַלְכָּה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

מִזְמוֹר לְדָוִד הָבוּ לַה׳ בְּנֵי אֵלִים הָבוּ לַה׳ כָּבוֹד וָעֹז, הָבוּ לַה׳ כְּבוֹד שְׁמוֹ הִשְׁתַּחֲווּ לַה׳ בְּהַדְרַת קֹדֶשׁ. קוֹל ה׳ עַל הַמָּיִם אֵל הַכָּבוֹד הִרְעִים ה׳ עַל מַיִם רַבִּים. קוֹל ה׳ בַּכֹּחַ קוֹל ה׳ בֶּהָדָר. קוֹל ה׳ שֹׁבֵר אֲרָזִים וַיְשַׁבֵּר ה׳ אֶת אַרְזֵי הַלְּבָנוֹן. וַיַּרְקִידֵם כְּמוֹ עֵגֶל לְבָנוֹן וְשִׂרְיֹן כְּמוֹ בֶן רְאֵמִים. קוֹל ה׳ חֹצֵב לַהֲבוֹת אֵשׁ. קוֹל ה׳ יָחִיל מִדְבָּר יָחִיל ה׳ מִדְבַּר קָדֵשׁ, קוֹל ה׳ יְחוֹלֵל אַיָּלוֹת וַיֶּחֱשֹׂף יְעָרוֹת וּבְהֵיכָלוֹ כֻּלּוֹ אֹמֵר כָּבוֹד, ה׳ לַמַּבּוּל יָשָׁב וַיֵּשֶׁב ה׳ מֶלֶךְ לְעוֹלָם, ה׳ עֹז לְעַמּוֹ יִתֵּן ה׳ יְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ בַשָּׁלוֹם".

אויךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג מִזְמוֹר כט פון תְּהִלִּים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת קְלִיפָּה, סִימָן ו): "הַשִּׁבְעָה קוֹלוֹת שֶׁאָמַר דָּוִד עַל הַמַּיִם, בְּדִבּוּרָן מַכְנִיעִין הָרוּחַ רָעָה", דֶער קַאפִּיטְל אִיז מְסוּגָּל אַוֶועק צו טְרַייבְּן אַ רוּחַ רָעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶעֲרַאטֶעוֶועט פוּן דִי שְׁטוּרֶעם

"רַ-אַ-טֶ-עֶ-וֶ-ו-עַ-ט...!!! דִי שִׁיף גֵייט כִּמְעַט אַייְנְזִינְקֶען...!!!" שְׁרֵייעֶן אַלֶע.

דִי שִׁיף שְׁפְּרִינְגְט אִין וַואסֶער אַרוֹיף צוּם הִימְל אוּן צוּרִיק אַרָאפּ אִין וַואסֶער, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אוֹיפְן שִׁיף מִיט זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי צְבִי אוּן טָאכְטֶער אָדְל, דִי גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת. דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב פָּארְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר וִויל טְרֶעפְן דֶעם צַדִיק רֶבִּי חַיִים בֶּן עָטָר, דֶער הֵיילִיגֶער אוֹר הַחַיִים הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן אִינְאֵיינֶעם בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ.

עֶס הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ שְׁטוּרֶעם וִוינְט אוֹיפְן יָם, דֶער שִׁיף גֵייט שׁוֹין כִּמְעַט אַייְנְזִינְקֶען, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם יִמַּח שְׁמוֹ וִויל דֶערְטְרֶענְקֶען דֶעם צַדִיק, עֶר וִויל נִישְׁט מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט פַאר אָדְל: "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אָדֶער וַוארְף אִיךְ אַרַיין אִין וַואסֶער אַלֶע מַיינֶע כְּתָבִים, מַיינֶע תּוֹרוֹת, אָדֶער זָאלְסְטוּ אַרַייְנְשְׁפְּרִינְגֶען אִין וַואסֶער, וַוייל נָאר אַזוֹי וֶועט זִיךְ דֶער



דִי שְׁטוּרֶעם הָאט זִיךְ בַּארוּאִיגְט

שְׁטוּרֶעם אָפְּשְׁטֶעלְן, אַז נִישְׁט וֶועלְן מִיר אַלֶע דֶערְטְרָאנְקֶען וֶוערְן״; דֶער צַדִּיק זָאגְט פַאר אָדְל: ״אִיךְ מֵיין דוּ זָאלְסְט אַרַיינְשְׁפְּרִינְגֶען אִין וַואסֶער, דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת, וֶועט זִיכֶער פַּאסִירְן מִיט דִיר אַ נֵס, דוּ וֶועסְט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן, אוּן אַזוֹי וֶועל אִיךְ – מִיט מַיינֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה – אוֹיךְ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן״.

אָדְל זָאגְט: ״טַאטֶע, וַוארְף אַרַיין דַיינֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה אִין וַואסֶער אוּן עֶס זָאל דִיר נִישְׁט בַּאנְק טוּן, וַוייל פוּן מִיר וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען אַן אֵיינִיקֶל וָואס וֶועט שְׁרַייבְּן שֶׁענֶערֶע אוּן בֶּעסֶערֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה״.

(גֶעמֵיינְט הָאט זִי מִיט דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא אַ טָאכְטֶער פוּן אָדְל, וָואס וֶועט לִיכְטִיג מַאכְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט זַיינֶע תּוֹרוֹת, עֵצוֹת אוּן חִיזוּק).

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אַ כַאפּ גֶעטוּן זַיינֶע כְּתָבִים אוּן זֵיי אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אִין וַואסֶער, אוּן גְלַייךְ הָאט דִי שְׁטוּרֶעם נָאכְגֶעלָאזְט.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, פוּן דִי מַעֲשֶׂה לֶערְנֶען מִיר דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִּיקִים, ווִי זֵיי זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; זֵיי ווִילְן בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ, אוּן ווִי דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם טוּט זֵיי שְׁטֶערְן, אוּן דָאךְ שְׁטַארְקְן זֵיי זִיךְ וַוייטֶער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז מִיר וֶועלְן גֵיין אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן וֶועלְן מִיר זַיין גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.